**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/17/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 5 מיליאן דאלאר דא צו פארטיילן אין קליינע ביזנעס גרענטס אין ניאגרא פאָלס'ס שטאט-צענטער

***אפליקאציעס פאר ביז $100,000 אין באזודערע גרענטס ווערן יעצט אנגענומען פון בארעכטיגטע ביזנעסער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז אפליקאציעס ווערן יעצט אנגענומען פאר דעם ניאגרא פאָלס קליינע ביזנעס פראפערטי פארבעסערונג פראגראם (Niagara Falls Small Business Property Improvement Program, NFSBPIP). דער 5 מיליאן דאלארדיגער פראגראם וועט צושטעלן גרענטס פאר ביז 50 פראצענט פון די סך הכל פון די פראיעקט קאסטן, און ביז אזויפיל ווי $100,000 פער פראפערטי, פאר בארעכטיגטע קליינע ביזנעסער כדי צו שטופן פאר די אויפלעבונג פון טראדיציאנאלע געגנטער מיט ביזנעסער אויסגעמישט מיט הייזער. די געלטער פאר קליינע ביזנעס און פראפערטי אייגנטימער קענען גענוצט ווערן פאר פארבעסערונגען צו די ביזנעס עלעמענטן, צום ביישפיל אויפרעכטן די דרויסנדיגע פאדערשטע וואנט און אנדערע מאדערניזירונגען אין געביידעס פון ביזנעסער אויסגעמישט מיט וואוינונגען. די בארעכטיגונג ווענדט זיך טיילוויז אויף אויב א ביזנעס געפונט זיך אין א דעזיגנירטע פראגראם דיסטריקט. פאר נאך אנווייזונגען און צו אפליייען, דרוקט [דא](). דער פראגראם ווערט פינאנצירט דורך די [ראיאנישע אויפלעבונג שותפות]() (Regional Revitalization Partnership), א 300 מיליאן דאלארדיגע ראיאנישע אינוועסטירונג דורך פריוואטע און רעגירונג קערפערשאפטן צוזאמען אין דריי פארבינדענע געאגראפישע ערטער: באפעלאו, ניאגארא פאָלס און ראטשעסטער.

"די סיטי אָוו ניאגרא פאָלס שטייגט ווידעראמאל אויף, און א דאנק א שותפות צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן מיט די Ralph C. Wilson Jr. Foundation און אנדערע פריוואטע פינאנצירער, נעמען מיר אונטער א צוזאמענארבעטנדע צוגאנג צו פארשטערקערן די הויפט ביזנעס געגנטער אין ניאגרא פאָלס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די קליינע ביזנעס גרענטס וועלן העלפן צו פארזעצן די אנגייענדע אויפלעבונג פון ניאגארא פאָלס'ס שטאט-צענטער דורכן פארבעסערן די ביזנעס קלימאט, פארמערן געלעגנהייטן פאר ביזנעס אויסגעמישט מיט הייזער און אריינבלאזן א חיות אין ליידיגע געשעפטן."

**ניאגרא פאָלס מעיאר ראבערט רעסטאינאָו האט געזאגט,** "מיר דרוקן אויס אונזער הכרת הטוב פאר גאווערנער האקול און פאר די Ralph C. Wilson Jr. Foundation, צוזאמען מיט אונזערע פריוואטע שותפים, פאר זייער איבערגעגעבנקייט ביים העלפן באררייכערן ניאגרא פאָלס. דער ניאגרא פאָלס קליינע ביזנעס פראפערטי פארבעסערונג פראגראם וועט העלפן אנברענגען א קאמיוניטי-געטריבענע עקאנאמישע טראנספארמאציע וואס וועט נישט נאר אויפלעבן ביזנעסער נאר אויפבויען א לעכטיגערע און גערעכטע צוקונפט."

**דעיוויד עגנער, פרעזידענט און CEO פון די Ralph C. Wilson Jr. Foundation, האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין שטיצע פאר די אנטוויקלונג פון נייע ביזנעסער און פאר קליינע ביזנעסער און

עקאנאמישע אנטוויקלונג באזירט אויף ספעציפישע פלעצער איז א הויפט דגש פאר אונז אריבער מערב ניו יארק. בליהענדע קליינע ביזנעסער פירן צו בליהענדע קאמיוניטיס און העלפן אונז אפשפיגלען און שטארקן לאקאלע קולטור און עקאנאמיעס. מיר גלויבן אז דער ניאגרא פאָלס קליינע ביזנעס פראפערטי פארבעסערונג פראגראם קען האבן א השפעה דורכן גיבן פריאריטעט פאר די אויפלעבונג פון קליינע ביזנעסער כדי צו ברענגען א לאנג-בלייבנדע ווירקונג פאר דורות."

די NFC דעוועלאפמענט קארפארעישען (NFC Development Corporation, NFC) איז שוין פריער אויסדערוועהלט געווארן דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) צו דינען אלס די לאקאלע פראגראם אנפירער, פאראנטווארטליך צו פארטיילן די געלטער פון דעם ניאגרא פאָלס קליינע ביזנעס פראפערטי פארבעסערונג פראגראם. די גרענטס וועלכע ווערן צוגעשטעלט וועלן פינאנצירן פארבעסערונגען צו געביידעס און פראפערטיס וועלכע געפונען זיך אין די [געציהלטע פלעצער](#); און די ספעציפישע גרענטס פאר קליינע ביזנעסער און פראפערטי אייגנטימער קענען זיין אנדערש אין די פארנעם און אין די קאסטן, באזירט יעדע איינס אויף די באדערפענישן און בארעכטיגטע עלעמענטן פון יעדן פראיעקט באזונדער. NFC וועט זיין פאראנטווארטליך פאר ספעציפישע געציהלטע פלעצער (די זענען Pine Avenue, Main Street און Portage Road), און איינגעשטעלטע פון USA ניאגרא דעוועלאפמענט קארפארעישען (USA Niagara Development Corporation, USAN) – א קערפערשאפט אונטערגעווארפן אונטער ESD – וועלן איבערזעהן אקטיוויטעטן אין די געציהלטע פלעצער וואו USAN איז יעצט פארמישט אין עקאנאמישע אנטוויקלונג אקטיוויטעטן, ווי צום ביישפיל אינערהאלב USAN'ס שטאט-צענטער אנטוויקלונג דיסטריקט. דער פראגראם איז נאכגעמאכט נאך דעם ניו יארק סטעיט 'מעין סטריט פראגראם', און עס וועט צוגעפאסט ווערן צו גרינגער מאכן פאר ביזנעסער זיך צו באטייליגן אין די געציהלטע פלעצער.

ביזנעס און פראפערטי אייגנטימער וועלכע האבן פראגן קענען באשטימען א צייט צו רעדן מיט די NFSBPIP אדמיניסטראטיווע ראטגעבערין, טאניא זוואלען, פון Niagara Falls אויף [https://calendly.com/tanya-zwahlen/nfsbpip](https://calendly.com/tanya-zwahlen/nfsbpip) אדער קענען זיי באשטימען אן אפוינטמענט דורכן אנרופן 585-286-7877.

די סך הכל סטעיט אינוועסטירונג פאר דעם פראגראם איז 3 מיליאן דאלאר, און פילאנטראפישע און ביזנעס קערפערשאפטן פארשפרעכן צו ביישטייערן די איבעריגע 2 מיליאן דאלאר צו די סך הכל פון די פינאנצירונג סומע צו גענוצט ווערן סיי פאר איינמאליגע אינפראסטרוקטורישע גרענטס און אנגייענדע שטיצע פון NFC.

די ראיאנישע אויפלעבונג שותפות איז אנטוויקלט געווארן אין צוזאמענארבעט מיט ניו יארק סטעיט גאווערנער קעטי האקול און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און ווערט געשטיצט דורך די Ralph C. Wilson Jr. Foundation, די Farash Foundation, ESL, KeyBank/First Niagara Foundation, M&T Bank און שותפים אין די שטעט באפעלאו, ניאגרא פאָלס און ראטשעסטער.

**איבער USA ניאגרא דעוועלאפמענט קארפארעישען**
USAN, א קערפערשאפט וואס איז אונטערגעווארפן אונטער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, איז אויסשליסליך געווידמעט צו שטיצן און פאראויס שטופן עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוון אין ניאגרא פאָלס דורכן איינשפאנען פריוואטע אינוועסטירונג און מוטיגן וואוקס און באנייאונג פון די טוריזם אינדוסטריע די סיטי אָוו ניאגרא פאָלס. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט [https://esd.ny.gov/usa-niagara-development-corporation-6](https://esd.ny.gov/usa-niagara-development-corporation-6).

**איבער NFC דעוועלאפמענט קארפארעישען**

NFC איז א נאָן-פראפיט קערפערשאפט אויפגעשטעלט דורך די סיטי אָוו ניאגרא פאָלס צו אריבערפירן פראגראמען צו פארלייכטערן און רעדוצירן ארבעטסלאזיגקייט; פארבעסערן און היטן אויף דזשאב געלעגנהייטן; צושטעלן הילף מיט די ציהל צו צוציהען נייע ביזנעסער אדער האלטן ביזנעסער און אינדוסטריעס פון פארלאזן; ארויסהעלפן/צושטעלן הילף פאר קליינע ביזנעס זארגן; באקומען גרענטס/הלוואות פאר צוועקן פון ארויסהעלפן קליינע ביזנעסער; און צו ארייננגיין אין נויטיגע בונדן, הלוואות און אפמאכן מיט קליינע ביזנעסער — דאס אלעס כדי צו אונטערצינדן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין ניאגרא פאָלס.

**איבער ראיאנישע אויפלעבונג שותפות:**

די ראיאנישע אויפלעבונג שותפות (Regional Revitalization Partnership, RRP) איז א 300 מיליאן דאלארדיגע ארומנעמיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג סטראטעגיע און שותפות צווישן די רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן וואס זוכט צו האבן די גרעסטע השפעה וואס איז מעגליך און פירט צו נאך אינוועסטירונגען פאר באפעלאו'ס איסט סייד, ניאגרא פאָלס און ראטשעסטער. די קאמיוניטי-געטריבענע צוזאמענארבעטנדע סטראטעגיע נעמט א ברייטע ארייננעמיגע צוגאנג צו עקאנאמישע אנטוויקלונג, און עס איז אויסגעשטעלט צו אויפבויען רייכטום פאר די קאמיוניטי אין מערערע וועגן. די RRP איז אנטוויקלט געווארן אין צוזאמענארבעט מיט ניו יארק סטעיט גאווערנער קעטי האקול און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) און ווערט געשטיצט דורך די Ralph C. Wilson Jr. Foundation, די Farash Foundation, ESL, KeyBank/First Niagara Foundation, M&T Bank און שותפים אין די שטעט באפעלאו, ניאגרא פאָלס און ראטשעסטער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן